א ליכטיגן תמיד
אודיאָ
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

## אור הבוקר

טעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוטע מארגן – אשב"ש' שמועסן

זונטאג תולדות תשפ"ב

# אוהב ימים לראות טוב

## נישט פלאנטערן אין שלעכטס

ויקם אברהם מעל פני מתו. במדרש רבה מלמד שהיה רואה מלאך המות מתריס כנגדו (אר"י מן הן תנינן מי שמתו מוטל לפניו פטור מק"ש ומן התפלה ומן התפלין וכל מצות שבתורה מן הכא ויקם וידבר עכ"ל) הנראה בביאור המדרש כי לכאורה אין להבין מה היה קשה לו לבעל המדרש הזה ואיך מוכח מן המקרא הזה. אכן הנ"ל בכוונת המדרש כי יש לדקדק בהכתוב שנאמר ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה ולא נאמר שעשה כן והספידה רק תיכף ומיד כתיב ויקם אברהם מעל פני מתו למה התנחם מלהספידה. לכן בא הבעל המדרש לתרץ שהיה רואה מלאך המות מתריס כנגדו כו' והענין הוא על דרך הכתוב ויסתר משה פניו כי ירא מהביט אל האלקים. ור"ל דהנה זה כלל גדול במעלות הצדיקים המתהלכים לפני אלהים בתמים אף אם חלילה באה אליהם מדת הדין לאיזה יחיד או רבים ח"ו לא יתנו לבם להתבונן מהות הצרה ההיא ר"ל ולא יפול לבבם להקשות מדוע עשה ה' ככה לארץ הזאת כי לבם נכון ובטוח בד' כי צדיק וישר הוא א-ל אמונה ואין עול ונהפוך הוא כי מפי עליון לא יצאו הרעות רק כולם מכוונים לטובה ולכך באותו הענין כאשר ראה משרע"ה מראה הסנה המורה על הגלות ולא רצה להתבונן מה זה ועל מה זה. אך ויסתר פניו כי ירא מהביט ולהסתכל אל בחי' האלקים והדינין פן יקשה בעיניו על ככה והא ראיה כאשר הלך בשליחות הזה ושם לבו לצערן של ישראל לא יכול לסבול עוד וצעק ואמר למה הרעות ונענש מיד באמור לו עתה תראה ולא יותר כמאמר חכז"ל. **וז"ש הכתוב מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב. ר"ל מי הצדיק אשר כל הימים רואה כי הכל רק טוב מהש"י** כנ"ל. אז ממילא ע"כ ינצור לשונו מרע כי לא ירע בעיניו כלל על הש"י. והנה כן הדבר היה אצל אברהם אבינו ע"ה כשבא לספוד לשרה ראה מלאך המות מתריס כנגדו ר"ל כשהתחיל להתבונן על מיתת שרה הצדיקת הראשונה אשר בעולם אשר היתה אם כל בנ"י ותיקון חוה ורוה"ק מדברת מתוך גרונה ועתה פתאום מתה עליו אחרי מעלת העקידה שזכתה לבן צדיק כזה ולא הועיל לה כלום. כל זה היה היצה"ר מכניס בלבו של אברהם אבינו לבעבור יוקשה בעיניו וירע על מעשי אלהים אשר עשה לה. לכן כשראה זה מיד פירש ולא הספידה ויקם מעל פני מתו וידבר דברים אחרים כנ"ל. (תפארת שלמה פרשת חיי שרה)

### נישט זיין איבערגעריסן

איינמאל איז געקומען צום הייליגן רבי רבי בונם פון פשיסחא זצ"ל איינער פון די חסידים, א אינגערמאן, און דער רבי ר' בונם האט פארשטאנען פון אים, אז ער איז א גרויסער וותרן אויף זיין געלט, ער גיבט אלעס אוועק פאר די ארימעלייט, אפילו די אייגענע מלבושים. האט אים געזאגט דער הייליגער רבי ר' בונם: ניין, נישט אזוי דארף זיך א מענטש אויפפירן. אויב א מענטש פירט זיך אויף איבערגעריסן, איבערגעטריבן, מיט די מידת הוותרנות, דאס איז נישט קיין אויסגעהאלטענער וועג.

האט ער אים געזאגט, עס שטייט פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע: יעקב איש תם יושב אהלים, זאגט רש"י, וואס מיינט א תם? 'מי שאינו חריף לרמות', קרי תם' איינער וואס ער איז נישט קיין חריף צו פאפן, ער הייסט א תם. פרעגט דער רבי פון לובלין, עס שטייט דאך אבער אין די תורה 'אחיו הוא ברמאות', אז יעקב אבינו האט געזאגט אז ער איז א ברודער צו לבן אויב מען דארף פאפן, ווייסט ער דאך אויך וויאזוי צו פאפן?

### איש תם - בעלים אויף די תמימות

אויף דעם ענטפערט דער רבי פון לובלין, אז א מענטש דארף זיין אן 'אדון' אן 'איש' אויף זיינע מידות, אבער ער טאר נישט זיין די מידה אליין. אזויווי עס ווערט געברענגט אין מדרש ילקוט: רבי שמעון בן לקיש זאגט, ווער עס ווערט א רחמן, ער איז א בעל רחמים, במקום אכזרי, אויף א פלאץ וואו מען דארף זיין אן אכזר, סוף שנעשה אכזרי במקום רחמן, דארט וואו עס דארף זיין א בחינה פון רחמנות. ריש לקיש זאגט, ווער עס ווערט א רחמן ווען מען דארף זיין אן אכזר, ווערט אן אכזר ווען מען דארף האבן רחמנות. פשט דערפון איז, אז עס איז דא אמאל א מצב וואס מען דארף זיך אויפפירן במידת אכזריות, ווייל אזוי שטייט אין די תורה, די תורה הייסט מען דארף הארגענען די עמלקים, די תורה הייסט אז מען דארף הארגענען איינער וואס איז מחלל שבת, אדער סתם אזוי ווען א איד זאגט, ער קען נישט מאכן א ברית מילה, ער האט רחמנות, ח"ו ארויסצוזאגן די אלע זאכן פון מויל, צום סוף, דארט וואו מען דארף מקיים זיין די תורה'דיגע רחמנות, דארט ווערט ער אן אכזר. א איד דארף זיין לשם שמים, און טון אלעס וואס דער הייליגער באשעפער הייסט.

'איש תם' - ער דארף זיין אן 'איש', א בעל הבית, אויף די מידת התמימות, און וויסן ווען עס צו ניצן, און וויאזוי עס צו ניצן. און די זעלבע זאך - זאגט אים דער הייליגער פשיסחער - איז מיט מידת הרחמנות, עס איז דא אמאל א מענטש וואס ער איז א בעל רחמים, אבער נישט תורה'דיג, נישט ווייל אזוי שטייט אין די תורה, נאר ער טוט עס איבערגעריסן, אויף אן אופן וואס איז נישט תורה'דיג.

**זיין נאר רחמן במקום רחמן**

א מענטש קען אמאל טון א טובה פאר א מענטש, וואס יענער האט אים נישט געבעטן, יענער דארף עס נישט, און נאכדעם ווערט ער בייז אויף יענעם, 'איך האב דיר אזויפיל טובות געטון'... יענער זאגט: 'איך האב דיר עס נישט געבעטן, איך האב עס נישט געדארפט, נישט דאס דארף איך פון דיר!'... ער איז א רחמן במקום אכזרי, און אן אכזר במקום רחמן. ווען דו ווילסט טון פאר א איד, טו נישט וואס דו טראכסט אז עס איז פאר יענעם א טובה, טו וואס יענער האלט אז עס איז פאר אים א טובה.

נאך א זאך, עס מאכט זיך זייער אפט אז א מענטש טוט א טובה פאר א צווייטן איד, און נאכדעם איז ער א תובע, ער איז משעבד יענעם, ער אונטערדרוקט יענעם, ער צעקריגט זיך מיט יענעם, ער ווערט בייז אויף יענעם. א מענטש דארף זיין אן איש תם, מען וויל טון טובות פאר אידן, מען דארף טון טובות פאר אידן, מען דארף זיך צערייסן פאר אידישע קינדער, אבער עס מוז זיין מיט א מידת הסבלנות, און נישט דורך משעבד זיין יענעם, נישט דורך תובע זיין פון יענעם עפעס, נישט דורך טון א טובה פאר יענעם, און נאכדעם יענעם בארעדן, אז יענער איז אן אויסניצער. ח"ו, א מענטש דארף טון מידת הוותרנות, מידת הסבלנות, מידת החסד, אבער עס דארף זיין רחמן במקום רחמן, עס זאל נישט ארויסקומען פון דעם נישט קיין פירוד לבבות, נישט קיין קריגערייען, נישט קיין לשון הרע, נישט קיין רכילות, נישט קיין הארץ ווייטאג, נאר שמחה.

וויאזוי קען עס א מענטש טון? אז ער טוט עס פארן אייבערשטן! דער הייליגער באשעפער האט געזאגט ואהבת לרעך כמוך, איך טו עס פאר די תורה, איך טו עס נישט פאר מיין חבר, ווייל ער איז מיין חבר. איך טו עס פאר מיין חבר, ווייל ער איז א איד, און דער הייליגער באשעפער וויל אז מען זאל ליב האבן אידן, מען זאל זיך אוועקגעבן און זיך מוסר נפש זיין פאר אנדערע אידן. דעמאלסט, ווען א איד טוט דאס, איז עס רחמן במקום רחמן.

און ווען דער הייליגער באשעפער זאגט אז מען דארף זיין חלילה במידת אכזריות, ווען מען זעט אידן טוען גראבע עבירות, זאל מען נישט זיין קיין בעל רחמים, מען זאל זאגן מוסר, מען זאל אוועקגיין פון דארט, מען זאל האבן שטארקייט. אזויפיל אידן טראכטן אסאך מאל: איינער האט מיר איינגעלאדענט אויף א שמחה, אבער עס איז נישט א פלאץ וואו מען מעג עכט גיין, די סביבה טויג נישט, מען פירט זיך נישט אויף דארט בדרך התורה והמסורה, עס איז נישט גוט פאר מיר און נישט פאר די קינדער. און א מענטש וויל זיין א בעל רחמים - ח"ו! דארט דארף מען זיך נעמען מיט די שטארקייט און מידת אכזריות, און זאגן: איך קען נישט גיין! עס וועט מיר שאטן ח"ו אויף אידישקייט! עס וועט שאטן אויף די קינדער, דער הייליגער באשעפער זאל שומר ומציל זיין! חסד

דארף זיין על פי תורה, און אלעס וואס א איד טוט דארף זיין על פי תורה. אז מען לעבט באמונה פשוטה, מאכט מען נישט קיין טעותים.

**טראכט נישט; רעד נישט - וועט זיין גוט!**

דער הייליגער תפארת שלמה אין פאריגע וואכעדיגע סדרה, אין חיי שרה, שרייבט ער אזוי: עס שטייט אין פסוק, 'ויקם אברהם מעל פני מתו' זאגט די מדרש, אז אברהם אבינו האט געזען דער מלאך המות רייצט זיך מיט אים... זאגט דער הייליגער תפארת שלמה, וואס איז דא פארגעקומען? אויף דעם שרייבט דער תפארת שלמה: עס איז דא א כלל גדול במעלת הצדיקים, וואס זיי גייען מיטן הייליגן באשעפער בתמימות, אז אפילו ווען עס קומט א מצב פון מידת הדין, סיי פאר א יחיד סיי פאר א רבים, ח"ו מען טאר זיך נישט מתבונן זיין אין די מהות הצרה ההוא רח"ל, ווייל דאס איז גורם ח"ו אז מען קען צוקומען צו אן עצבות און צו א צעבראכנקייט, אז מען קען נאך ח"ו פרעגן א קשיא פארוואס דער הייליגער באשעפער האט דאס געטון.

און ממילא זאגט ער די ווערטער: מען זאל זיך נישט אריינטראכטן אין די מהות פון די צרה, מען זאל זאגן, אז דער הייליגער באשעפער איז צדיק וישר הוא, קל אמונה ואין עול, מפי עליון לא יצאו הרעות, אלעס איז לטובה, און אנטלויפן דערפון.

ווען משה רבינו איז אנגעקומען אין מדבר, און ער זעט א סנה ברענט, און ער האט געזען אז דאס איז מרמז אויף די ביטערקייט פון ד גלות - 'ויסתר פניו' ער האט באהאלטן זיין פנים 'כי ירא מהביט' ער האט מורא געהאט צו קוקן אויף די בחינה פון אלקים, פון דינים, ער איז אוועקגעגאנגען.

זאגט דער הייליגער תפארת שלמה: מען זעט א ראיה גדול דערויף, אז ווען ער איז אנגעקומען אויף מצרים, און ער האט געזען די שווערע יסורים, די שווערע עול, וואס כלל ישראל האט, אונטער די שעובד פון די טמא'נע מצריים, האט זיך משה רבינו נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט געפרעגט 'למה הרעת לעם הזה' אוי הייליגער באשעפער, פארוואס האסטו געמאכט אזוי שווער פאר אידישע קינדער - אוודאי משה רבינו לפי מדרגיתו - פון דא זעט מען, זאגט דער הייליגער תפארת שלמה, אז א מענטש זאל קיינמאל נישט אריינפלאנטערן און אריינטראכטן וואס איז די יסורים, וואס איז די שוועריגקייט, וואס איז די זאך וואס איז געשען, און זיך אריינפלאנטערן דערין, ווייל דאס קען צוברענגען ח"ו אז מען זאל פרעגן קשיות. גיי אוועק דערפון!

ער טייטש דערמיט די פסוק 'מי האיש החפץ חיים' ווער וויל לעבן? 'אוהב ימים' ליבליכע טעג 'לראות טוב' אלעס זאל זיין נאר גוט? איך גיב א גוטער עצה זאגט ער: 'נצור לשונך מרע' רעד נישט פון קיין שלעכטס, ברענגט נישט ארויף אויף דיין צינג קיין שלעכטע רייד, טו נישט א דורך די רע,

פארשטייט נישט די רע, זיי עס מקבל באהבה, און גיי ווייטער!

אברהם אבינו, ווען ער איז געגאנגען געבן א הספד פאר שרה, האט ער אנגעפאנגען טראכטן: וואס זאגט מען ביי א הספד? די שרה אמינו, אלע יארן האט זי זיך מוסר נפש געווען פארן הייליגן באשעפער, געמאכט גיירות'ן, זי האט געפירט אן הכנסת אורחים, אזויפיל יאר נישט געהאט קיין קינדער... אבער פלוצלונג האט דער מלאך המוות, דער סטרא אחרא, אריינגעלייגט נאך ווערטער ביי אים, איר מספיד צו זיין, אז זי האט קוים געהאט דעם יצחק, און ער האט נאכנישט געהאט קיין דורות, און מען האט אים געטראגן אויפן מזבח אים צו שעכטן, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן ער האט יא געלעבט, און זי האט נישט זוכה געווען צו זען ווי ער קומט צוריק לעבעדיג...

אזויווי אברהם אבינו האט געזען אז דער סטרא אחרא וויל ער זאל זאגן די מין הספד - ניין ניין! ויקם מעל פני מתו, איך זאג נישט קיין הספד - האט אברהם אבינו געזאגט, איך וויל נישט אריינפלאנטערן אין די מינע ווערטער, ווייל ער וויל זיך נישט אריינטון אין די מינע הספדים, וואס קענען פרעגן ח"ו קשיות אויפן רבוש"ע.

מען טאר נישט פלאנטערן אין קיין שום צער און עגמת נפש, מען פרעגט נישט 'פארוואס', מען פרעגט נישט 'וואס' - מען זאגט: 'אני מאמין באמונה שלימה שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים!' 'אין עוד מלבדו!' מען זאגט 'מזמור לתודה' 'מזמור לדוד ה' רועי לא אחסור בנאות דשא ירבצנו על מי מנוחות ינהלנו', עס איז נאר דא איין באשעפער. מען זאגט 'אדון עולם' מיט כוונה, און מען פלאנטערט נישט אין קיין רע. מען פריידט זיך אז מען האט זוכה געווען צו האבן אזא הייליגע אידישע נשמה, אז מען קען זיך שטארקן מיט א פנים מאירות, אמונה שלום בטחון און שמחה אינעם בורא כל עולמים, מיט אהבת הקדוש ברוך הוא און אהבת ישראל.

### 'געשמירט' - נישט געפלאנטערט; נאר מיט מזמור לתודה

עס האט אריינגערופן א 'פנים מאירות איד' מיט אזא שמחה:

איין טאג פאריגע וואך, ער איז געווען אויפן ראד (שטראוז) און עס האט אים געפלאצט א רעדל, ער האט זיך געדארפט רוקן אויף די זייט. ער האט אנגעפאנגען זינגן 'מזמור לתודה' - הייליגער באשעפער עס איז גוט! עס איז לטובתי! איך פרעג נישט קיין קשיות!

ער האט אנגערופן 'חברים' (די ארגון החסד צו ארויסהעלפן געשטראנדעטע אידן אין אפסטעיט ניו יארק), חברים האט געזאגט, זיי וועלן פראבירן צו קומען דארט, ער זאל אויך רופן די גויאישע קאמפעני. דער גוי איז

אנגעקומען פאר חברים, און דער גוי האט אים געזאגט אז עס איז 65 דאלער פארן אראפקומען, און נאך איבער הונדערט דאלער, ווייל ער דארף אוועקפירן די קאר, ער קען אים נישט פאררעכטן די רעדל דא אויפן ראוד.

האט דער איד געזאגט: "ניין, איך וויל נישט זאלסט אוועקפירן די קאר, איך וויל מען זאל טוישן דאס רעדל!". ער וועט שויןווארטן אויף חברים. ער הייבט אן זאגן מזמור לתודה. דער גוי זיצט זיך אזוי אין זיין טרעקל, און ער קומט ארויס, און זאגט אים: ער האט נישט יעצט קיין אנדערע ארבעט ממילא, ער וועט פראבירן צו זען וואס ער קען אים העלפן.

"ברענג מיר די אנדערע רעדל וואס דו ווילסט אויפטוישן" זאגט דער גוי פאר דעם איד. ער ברענגט אים די רעדל, ער הייבט אן אראפשרויפן דעם געפלאצטן רעדל, און ער קען עס נישט אראפנעמען, עס איז געווען פארדזשאוועט, עס האט געהאט ראסט. האט ער אים געזאגט: "יעצט וועסטו באצאלן 65 דאלער פארן אראפקומען, יעצט וועסטו באצאלן פארן ארבעט, און נאך איבער הונדערט דאלער פארן אוועקנעמען די קאר, מען קען נישט דא שטיין!".

דער איד זאגט: "ניין, איך וויל נישט זאלסט אוועקנעמען די קאר!". און ער הייבט אן זינגן מזמור לתודה, און אזויווי ער ענדיגט מזמור לתודה, זאגט אים דער גוי: "ווייסטו וואס? איך האב פאר דיר עפעס אן עצה!"... ער גייט אריין אין זיין טרעקל, ער ברענגט דעם שפריצער, די אויל, WD40, און ער שפריצט ארום פון אלע זייטן, די רעדל איז אראפגעגאנגען, צוריק ארויפגעלייגט די גוטע רעדל, ברוך הוי"ה ברוך הוא, ווייטער געפארן מיט שמחה - אלעס מיט מזמור לתודה!

נישט פלאנטערן אין די 'פארוואס?', 'וואס איז געשען?' 'וואס דארף מען מתקן זיין?' פלאנטערט נישט אין רע! פלאנטערט אין גוטס! דאנקן דעם אייבערשטן, לויבן דעם אייבערשטן.

תשובה טון - אוודאי דארף מען תשובה טון, מען מעג תשובה טון, און מען קען תשובה טון. תשובה טון איז נישט קיין סתירה. אויב דו ווייסט אויף וואס תשובה צו טון - טו תשובה אויף יענס. אויב דו ווייסט נישט אויף וואס תשובה צו טון, און דו ווילסט בכלליות תשובה טון - קענסטו בכלליות תשובה טון. אבער נישט פלאנטערן אין די רע!

## מעשה בחסיד אחד

# "ווען די נייעס איז צעשפרייט געווארן אין שטאט, איז געווארן א מורא'דיגע איבערקערעניש, בושות נוראות... די בזיונות וואס די חסידים האבן געהאט, איז געווען למעלה ראש, אין לשער ואין לתאר... פארוואס?"...

עס איז געווען א מעשה, אז די חסידים פון די שטאט זיטאמיר, האבן אמאל זייער שטארק געוואלט אז דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוש זצ"ל, דער אייניקל פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע, זאל קומען צו זיי אויף שבת. זיי האבן געשיקט א דעלעגאציע פון אנשים חשובים איינצולאדענען דעם הייליגן רבי רבי ברוכ'ל, און דער רבי רבי ברוכ'ל האט אנגענומען די איינלאדענונג.

**עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין שטאט, דער רבי גייט קומען!... מען האט אנגעפאנגן מאכן אלע הכנות ווי עס באדארף צו זיין**

עס איז געווארן א גרויסע שמחה אין שטאט, דער רבי גייט קומען!... מען האט אנגעפאנגן מאכן אלע הכנות ווי עס באדארף צו זיין, און מען האט אויך פארשטייט זיך צוגעגרייט אן אכסניא וואו עס פאסט זיך פארן רבי'ן, א איד א חסיד, א ירא שמים, מיט א גרויסע דירה, ווי עס פאסט פארן הייליגן רבי ר' ברוכ'ל.

ווען מען האט געהערט אז דער רבי רבי ברוכ'ל איז שוין נאנט צום שטאט, איז די גאנצע שטאט ארויסגעגאנגן מקבל פנים צו זיין בתופים ובמחולות, מיט א גרויסע שמחה, בבגדי שבת ויום טוב, און אזוי צעביסלעך האט יעדער געגעבן שלום. ווען עס איז אדורך געגאנגן דעם רבי'ן אן עושר, וואס ער איז געווארן אן עושר, נישט לאנג

פאר דער רבי איז געקומען, און דער רבי רבי ברוכ'ל גיבט אים די האנט, און ער געבט אים א קוק אן, און ער זאגט אים, ער זאל זיך זעצן אויפן וואגן נעבן אים, און דער רבי רבי ברוכ'ל האט אזוי געשמועסט מיט אים. און ווען מען איז אריין אין שטאט, האט דער רבי רבי ברוכ'ל געפרעגט פון דעם איד אויפן וואגן: "אפשר קען איך ביי דיר איינשטיין?". און ער האט געזאגט: "אוודאי יא!". ער האט גוטע צימערן, א שיינע גרויסע הויז, פריש אויפגעבויעט, "א זכיה! דער רבי זאל קומען צו מיר!".

די חסידים אינדרויסן, האבן נישט געקענט צו זיך קומען, א פראסטער מענטש פון א פראסטע משפחה, זייער אראפגעקוקט אין שטאט, און דער רבי

געבט אים אזא כבוד?!... אבער חסידים פרעגן נישט קיין קשיות, מען זאגט נישט גארנישט, דער רבי טוט, מען זאגט אני מאמין, דער רבי ווייסט וואס ער טוט.

דער רבי קומט אריין אין שטוב, און ער פרעגט אים: "וואס טוט זיך מיט דיינע קינדער? האסט שוין חתונה געמאכט עפעס קינדער?!". זאגט ער "ניין!" ער האט נאך קיינעם נישט חתונה געמאכט, אבער ער האט א טאכטער אין שידוכים, און ער וויל טאקע בעטן דעם רבי'ן א ברכה, צו טרעפן א גוטע זיווג. זאגט אים דער הייליגער רבי רבי ברוכ'ל: "איך וועל דיך געבן א ברכה, אבער נישט סתם א ברכה, נאר מיר קענען שוין שליסן שידוך! איך האב א זון, דו האסט א טאכטער, לאמיר זיך משדך זיין!"...

דער איד, די וועלט איז אים צוזאמגעפאלן... ער איז געשטאנען משתומם... דער רבי רבי ברוכ'ל וויל זיך מיט אים משדך זיין?! עס איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן אזא זאך... אבער ער האט זיך ארענטירט שנעל, און ער זאגט: "רבי, יא, איך בין מסכים אויפן שידוך!", ער וועט געבן א גרויסן נדן, ער וועט אויסהאלטן זיין זון ער זאל קענען זיצן און לערנען. דער הייליגער רבי רבי ברוכ'ל שטרעקט אויס די האנט "ר' איד, מיר זענען מחותנים!".

ווען די נייעס איז צעשפרייט געווארן אין שטאט, איז געווארן א מורא'דיגע איבערקערעניש, בושות נוראות... די בזיונות וואס די חסידים האבן געהאט, איז געווען למעלה ראש, אין לשער ואין

> "איך וועל דיך געבן א ברכה, אבער נישט סתם א ברכה, נאר מיר קענען שוין שליסן שידוך! איך האב א זון, דו האסט א טאכטער, לאמיר זיך משדך זיין!"...

לתאר... פארוואס? ווייל צוואנציג יאר פארדעם, איז געווען א מעשה אין דעם שטאט זיטאמיר, אז דער איד וואס איז יעצט געווארן א מחותן מיטן הייליגן רבי רבי ברוכ'ל, איז ארויסגעגאנגן אויף אים א שם רע, און די רבנים און די ראשי קהילה האבן גע'פסק'נט פאר א קנס, דארף ער ארומגיין אין די גאנצע שטאט אין די גאס, און קינד און קייט וועט אים נאכלויפן, און מען וועט שרייען אויף אים 'דו שגץ' 'דו בעל עבירה' 'דו נידערטרעכטיגער' 'דו שעמסט זיך נישט?'... ביזה בזיונות האט מען אים מבזה געווען, און זייט דעמאלסט איז ער געווען זייער אראפגעקוקט אין די שטאט. און עס איז געווען זייער א גרויסער צער פאר די אידן אין די שטאט, אז דער רבי רבי ברוכ'ל האט זיך מיט אזא איד משדך געווען. ער איז טאקע געווארן לעצטנס אן עושר, אבער מען קען נישט פארגעסן זיין עבר... אן איינקל פונעם בעל שם טוב?! רבונו של עולם!!!

האבן זיי באשלאסן, טאקע א גרויסער רבי, א בעל רוח הקודש, אבער זיי מוזן טון מצידם זייערס, ארייננציגיין צום רבי'ן, און

## ”אייער נייע מחותן האט אריבער שפאצירט, און מען איז אים נאכגעלאפן יונג און אלט אין די שטאט, מיט די אלע שארפע ווערטער, און מען האט אים ממש דערנידערט עד הסוף“...

פארציילן די מעשה וואס איז געווען צוואנציג יאר פריער, און ווי אראפגעקוקט דער איד איז אין שטאט.

מען איז אריין צום רבי'ן, פארציילט די גאנצע מעשה פארן רבי רבי ברוכ'ל. רבי ברוכ'ל האט זיך פאר א פאר מינוט אביסל דערשראקן, געהאט א משהו חלישות הדעת, ער האט זיך פארטראכט, און ער זאגט פאר די אידן: איך וויל ענק זאגן דעם אמת, אז אין די רגע וואס דער איד האט אים געגעבן שלום, האט ער געטראכט אז ער וויל זיך מיט אים משדך זיין, ער האט געטראכט אז אפשר איז עס בלויז א מחשבה, ער האט אים אראפגעזעצט נעבן זיך אויפן וואגן, און ווי לענגער ער איז געזעצן נעבן אים, איז די ווילן זיך משדך זיין מיט אים שטערקער ארויפגעקומען אויפן טיש.

ווען ער איז אנגעקומען צו אים אין שטוב, האט ער געשפירט אז דאס איז די רצון השם, און ער האט געמאכט די שידוך.

אבער יעצט, ער הערט די מעשה, גייט ער אריינטראכטן, ער גייט נישט ווייטער מיטן שידוך, און ער לאזט נישט אפ די שידוך, ער וויל אז דער הייליגער באשעפער זאל אים אפן ווייזן וואס ער האט צוטון. דער הייליגער רבי רבי ברוכ'ל האט מתפלל געווען צום הייליגן באשעפער.

פאר דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל האט פארלאזט זיטאמיר, איז ער געגאנגן באזוכן די רביצין, די אלמנה פון רבי וועלוול פון זיטאמיר, דער אור המאיר זי"ע. ווען רבי רבי ברוכ'ל האט געעפנט די טיר, איז די אלמנה אים קעגן געקומען "ברוך הבא הייליגער רבי רבי ברוך! היינט בין איך געוואויר געווארן, אז איר זענט א גדול הדור!"... און זי האט פארציילט פארן הייליגן רבי רבי ברוכ'ל, "איר זעט די פענסטער? דא בין איך געשטאנען צוואנציג יאר צוריק, ווען אייער נייע מחותן האט אריבער שפאצירט, און מען איז אים נאכגעלאפן יונג און אלט אין די שטאט, מיט די אלע שארפע ווערטער, און מען האט אים ממש דערנידערט עד הסוף" איר מאן, דער אור המאיר, איז צוגעקומען צום פענסטער, און ער האט געזאגט פאר זיין רביצין, "זעסט די מענטש? ער איז אינגאנצן אומשולדליג און ריין פון אלע זאכן וואס מען זאגט אויף אים!", און דער הייליגער אור המאיר האט געזאגט: "איך בין אזוי זיכער אין דעם, אז הלוואי נאך זיין הונדערט און צוואנציג, ווען ער וועט שטיין פארן בית דין של מעלה, זאל איך זוכה זיין, צו האבן, אזא ריינע דין וחשבון, ווי דער איד איז ריין פון יעדן זונד!". האט ווייטער געזאגט דער אור המאיר "זעסט וויפיל צער און בזיונות ער ליידט, זאלסטו וויסן, אז

**יסורים זאל קיינער נישט האבן, אבער אז מען האט עס, איז מען עס מקבל באהבה, און מען גלייבט אז דאס איז אן הסתרה, וואס אינעווענדיג איז דא אור, און מיט די כח פון אמונה פשוטה, נעמיר אונז אראפ די דעקל, און די אור וועט ארויסקומען!**

קיין איין קרעכטץ ווערט נישט פארלוירן, אלעס וואס ער לײדט וועט ער באצאלט ווערן. עס וועט נאך קומען א צייט, אז ער וועט דערהויבן ווערן, און אפילו ער איז א פשוטער איד, און ער שטאמט פון א פשוטע משפחה, וועט ער זוכה זיין זיך משדך זיין מיט א צדיק אמת, וואס וועט זיין איינער פון די גדולי הדור!".

ממילא - זאגט די רביצין - יעצט זע איך אז איר זענט א גדול הדור! ווייל איר זענט געווארן מיט אים א מחותן, און עס איז אויך מקוים געווארן דאס וואס איך מאן האט



די בית הכנסת אין שטאט זיטומיר

געזאגט, אז ער וועט דערהויבן ווערן, ער איז געווארן אן עושר!

דער הייליגער רבי רבי ברוכ'ל האט זיך זייער געפריידט, און געזען אז דאס איז טאקע א שידוך מן השמים.

דער יחסן גדול, דער קדוש עליון, דער הייליגער אייניקל פון בעל שום טוב הקדוש, דער הייליגער רבי ברוכ'ל, האט זיך משדך געווען מיט א איד וואס איז דורכגעגאנגן ביזה ביזיונות, צוואנציג יאר יסורים, אבער צום סוף איז ער געווארן א מחותן מיטן צדיק הדור!

יסורים זאל קיינער נישט האבן, אבער אז מען האט עס, איז מען עס מקבל באהבה, און מען גלייבט אז דאס איז אן הסתרה, וואס אינעווענדיג איז דא אור, און מיט די כח פון אמונה פשוטה, נעמיר אונז אראפ די דעקל, און די אור וועט ארויסקומען! זאל זיין לעכטיג פאר אלע אידן, אך טוב וחסד און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

צו ערהאלטן דעם גליון אדער אנדערע גליונות פונעם מערכת שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

# אור לנתיבתי

## וואס צו לערנען פארטאגס

**א אינגערמאן האט אנגעפרעגט, וואס ער זאל לערנען פארטאגס פארן דאווענען. זאל ער מאכן קלאר די שיעורים וואס ער לערנט אין כולל, די שיעור הלכה, לערנען מער בעיון, אדער זאל ער לערנען גמרא?**

די תשובה אויף דעם איז אזוי: מען זאגט נאך, דער הייליגער שר שלום פון בעלז זצ"ל האט געזאגט, אז כאטשיג מען דארף חושש זיין לדעת רש"י, וואס רש"י האלט (ברכות ה:) אז מען טאר נישט לערנען פארן דאווענען, אפילו הכי, א בלאט גמרא איז הכנה לתפילה, און אנדעם קען מען בשום אופן נישט דאווענען.

דער הייליגער מונקאטשער רב זצ"ל (דברי תורה מהדורא קמא אות פא) גייט ער ארויף דארט אויפן אגרא דפרקא, וואס דער בני יששכר שרייבט, אז מען דארף לערנען גמרא פארן דאווענען צופרי, און דורך דעם גייען ארויף די תפילות, דורך די מלאכים וואס זענען די ראשי תיבות פון די אותיות ג'מ'ר'א' ג'בריאל מ'יכאל ר'פאל און א'וריאל, אזוי ברענגט ער (מדרש תלפיות אות ג' ענף גמרא).

דער הייליגער עטרת צבי פון זידיטשוב זצ"ל שרייבט אויך אין ספר פרי קודש הילולים (פ"ז משער התפילין), אז די ענין המוחין גייען נישט ארויף, נאר דורך עסק התורה.

און מען זעט טאקע אין די ספרים פון תלמידי בעל שם, האבן שטארק מזהיר געווען אויף די ענין פון לערנען פארן דאווענען, און מען זעט זייער שטארק די ענין פון גמרא.

אין שלחן הטהור ברענגט דער קאמארנער, אז מען זאל לערנען משניות גמרא וזוהר קודם התפילה, אנדעם קען מען נישט דאווענען מיט א לב טהור ונכנע בלב אמת.

דער מאור ושמש (פרשת בראשית ד"ה ויאמר אלקים יהי רקיע) שרייבט, אז די עצה היעוצה אז מען זאל קענען דאווענען אן קיין בלבול מחשבות, אז ער זאל לערנען פארן דאווענען אסאך גמרא משניות און זוהר.

און מען ברענגט אויך א רמז, 'גמרא גמור זמורתא תהא' (שבת קו), אויב מען וועט לערנען גמרא, קען מען זאגן פסוקי דזמרא.

עס שטייט אין פסוק אין שיר השירים (ז, ג) 'שררך אגן הסהר אל יחסר המזג' וגו' אל יחסר המזג, 'מזג' איז נוטריקון: מ'שנה ז'והר און ג'מרא.

אין בית אהרן שרייבט ער: צו לערנען גמרא אין די וואכן פאר עס ווערט טאג, איז א בחינה פון גן עדן התחתון, שבת אויב מען לערנט גמרא פאר עס ווערט טאג, איז א בחינה פון גן עדן העליון. האט ער געזאגט אזוי: איר זאלט לערנען א דף גמרא שבת פארן דאווענען, וואלט דער נשמת אן אנדערע פנים געהאט!...

מען ברענגט אויך בשם דעם רבי'ן פון לובלין זי"ע, אז דאס וואס שטייט אין חז"ל, אז מען דארף עסן 'פת שחרית', מיינט דאס, אז מען זאל לערנען גמרא. 'פת' איז גימטריה 'תלמוד', ובפרט ווען מען לערנט עס פארן דאווענען.

על כל פנים, זעט מען, און אזוי איז געווען אנגענומען ביי הייליגע ערליכע אידישע קינדער, אז פארטאגס לערנט מען גמרא רש"י תוספות. דאס איז די סגולה פון צופרי. איז ממילא, דארף מען לערנען גמרא פארן דאווענען, און נישט די אנדערע שיעורים. איי, ווען וועט ער האבן צייט צו לערנען קלאר די שיעורי הכולל, וואס מען האט נישט גענוג צייט דורכן טאג אין כולל מברר צו זיין מיט א קלארקייט? די תשובה אויף דעם איז: וואס מען קען נישט, קען מען נישט, און וואס מען קען, קען מען. אבער די גמרא לערנען צופרי פארן דאווענען וועט זיכער ברענגען אזא בהירות, אז עס וועט אים גרינגער זיין דאס לערנען דורכן טאג, מיט א מער אפענעם קאפ, און ער וועט זען אסאך סייעתא דשמיא אין דעם. הצלחה ברכה מיט אלעם גוטן.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**



די אידישע מאור הפרשה והמועדים
פנים מאירות
דברי תורה על פרשיות השבוע מכ"ק אדמו"ר מפנים מאירות דסיקסא שליט"א

# עבודת השם בשמחה
# טראץ די שווערינקייטן

## הקדמה; ענין אהבת חברים

### די וועג זיך צו דערהאלטן אין גלות – דורך אסיפת חברים

עס איז געווען א חסיד'ישע איד, רבי יוסף יצחק אורנשטיין האט ער געהייסען, ער איז געקומען פון רוסלאנד. ווען ער איז אנטלאפן פון רוסלאנד איז ער אריינגעקומען צום הייליגן האסיאטענער זצ"ל, ער האט אים פארציילט אז די קאמוניסטן מאכן אן אזעלכע יסורים און אזעלכע רדיפות פאר אידישע קינדער, אז עס איז נישט צום אויסהאלטן. דער האסיאטענער האט נישט גערעדט קיין סאך, ער איז געווען צוריקגעהאלטן, האט ער אים געפרעגט: "אידישע קינדער קומען זיך צוזאמען באהבת חברים?".

האט דער איד געשיקט קיין רוסלאנד זאגן, אז דער האסיאטענער האט געזאגט, אז די וועג וויאזוי מען האלט זיך צוזאמען, די וועג וויאזוי מען איז זיך מחזק מיט אמונה און בטחון מיט די אלע שוועריקייטן אין די אלע גלות'ן, איז דורכ'ן זיך האלטן צוזאמען.

### די פיר זמנים ווען מען מעג טרינקן ברוינפן

רבי שעפטיל פון בארדיטשוב האט נאכגעזאגט פון רבי אברהם יעקב פון סאדיגורא זצ"ל: פאר קבלת התורה איז נישט געווען קיין גבולים, היינט איז אלעס באגרעניצט, יעדע זאך האט א גבול וויפיל מען מעג. פיר צייטן מעג מען טרונקן ברוינפן, איינס ווען א מענטש שפירט א שוואכקייט אין די הארץ ער וויל זיך שטארקן, די צווייטע

איז ווען א מענטש שפירט אז ער וועט ווערן שוואך ער וויל זיך מתגבר זיין, די דריטע איז, ווען א מענטש דארף טון א דבר מצוה און ער שפירט אז ער האט נישט די כוחות, די פערטע איז ווען מען זיצט באהבת חברים.

### ענין הבארות בעבודת השם

אין די וואכענדיגע סדרה זעט מען, אז פונקט ווי אברהם אבינו האט געגראבן 'בארות' האט יצחק אויך געגראבן 'בארות', וויפיל בארות האט ער געגראבן? רבי יהודה זאגט פיר, קעגן די ארבעה דגלים וואס אידן האבן געהאט אין מדבר, און די רבנן זאגן פינף, קעגן די חמשה חומשי תורה.

### יעדער איד איז א שטיק קדושה מען דארף עס נאר אנטפלעקן

זאגט דער הייליגער שם משמואל א מורא'דיגע רעיון אין עבודת ה', אין פשט אין די מחלוקת. וואס איז דאס א 'באר', א באר איז א קוואל וואסער וואס מען גראבט אויף. ווען מען גראבט, איז מען נישט מחדש קיין וואסער, די וואסער איז שוין דא, עס איז נאר באדעקט מיט ערד, אז דו נעמסט אוועק די זאמד, זעט מען וואסער.

דאס האט געוויזן די בארות, אז יעדער איד, טיף אין הארץ, איז אלוקי נשמה שנתתי בי טהורה היא, א איד איז א שטיק קדושה, א שטיק עבודת ה', אונז זענען דורי דורות הייליגע אידן, אונז זענען נישט מחדש גארנישט, וויבאלד אונז האבן עס אינעווייניג, אונז גראבן נאר אויף, אונז נעמען אוועק די שמוץ.

וואס איז געווען די תכלית פון יצחק אבינו אויף די וועלט? וויאזוי האט ער עס באוויזן? יצחק איז געווען 'פחד יצחק' מיט די 'מידת הגבורה' האט ער מכניע געווען מענטשן אונטערן אייבערשטן.

### צוויי דרכים אין עבודת ה': שברון לב - אור

עס איז דא צוויי וועגן צו דינען דעם אייבערשטן, איינס דורך צובראכנקייט, אזיווי די גמרא זאגט (ברכות ז) אז א צובראכן הארץ, אז עס טוט וויי אז מען קען נישט דינען דעם אייבערשטן, ברענגט א התגלות כבוד שמים.

די צווייטע וועג איז, אז מען ברענגט אריין אביסל לעכטיגקייט, 'מעט אור' איז 'מדחה הרבה חושך'. עס איז דא א פסוק אין ישעי וואס עס שטייט בײדע, 'ובאו במערות צורים ובמחלות עפר מפני פחד ה' ומהדר גאונו בקומו לערוץ הארץ'. .

דאס איז פשט פון די מחלוקת. רבי יהודה האלט, אז די דגלים האט געווארפן א פחד, מען האט געהאט א פחד פון אידן, עס איז געווען מער א בחינה פון אימה, אלע האבן געהאט א פחד פון די אידן.

אדער איז דא די חכמים וואס האלטן, אז מען צוברעכט די חיצונים מיט די חמשה חומשי תורה, התגלות אלוקית, די 'חומש' איז 'אור', די תורה הקדושה איז א

לעכטיגקייט, די אור הגנוז ליגט אין די תורה, מיט דעם קען מען אויך צוברעכן די חיצונים.

עס איז דא צוויי מהלכים, אדער מיט מוסר, זיך צוברעכן די הארץ פאר'ן אייבערשטן, אדער איז דא א מהלך פון חמשה חומשי תורה, נר מצווה ותורה אור, די לעכטיגקייט פון די תורה, די לעכטיגקייט פון די מצוות.

בעצם איז דאס די צוויי בחינות פון 'ששת ימי המעשה' און 'שבת'. אינדערוואכן קען מען בעטן בקשות, מען קלאפט זיך סלח לנו, שבת טאר מען נישט, שבת איז כולו אור, און מיט די אור איז מען זוכה צו מדחה זיין 'הרבה חושך'.

עס קומט אויס פון דעם א מורא'דיגע זאך, מען זעט אין אלע דורות זענען געווען די בעלי מוסר, צווישן די חסידים איז געווען ביידע, עס איז געווען אויף זיין בייגאכט, סיגופים ותעניתים, און עס איז געווען שמחה, דינען דעם אייבערשטן דורכ'ן ברענגן נאך אן אור און נאך אן אור.

## ויעתר לו ה' – ווייל יצחק האט מתפלל געווען מיט שמחה

אין די וואכענדיגע סדרה האבן מיר אליינס א פסוק וואס איז דא ביידע פשטים, עס שטייט 'ויעתר לו ה'', זאגט הרה"ק רבי איציקל פון ווארקא זצ"ל, פארוואס האט דער אייבערשטער צוגעהערט 'לו ולא לה'? וויבאלד עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעא נט) אז פרויען זענען מער וויינענדיג, זי האט געוויינט, און יצחק האט געזאגט מזמור לתודה, האט דער אייבערשטער אים אויסגעהערט.

## די גרויסע כח פון בעטן בדמעות

פון די אנדערע זייט זאגט דער שפתי צדיק די וואך: עשו שרייט צו יצחק, יצחק אבינו מאכט זיך נישט וואוסנדיג, עשו האט אנגעהויבן וויינען האט יצחק אים אויסגעהערט, זאגט דער שפתי צדיק: שערי דמעות לא ננעלו, אז עשו וויינט האט זיך יצחק אבינו וואוסנדיג געמאכט.

אין זוהר הקדוש שטייט: א איד וואס וויינט, קען נישט קיין שום עונש שולט זיין.

## א מענטש דארף האבן א באלאנס צווישן שמחה און פחד

די אמת איז אז יעדער איד דארף ביידע, מען קען נישט זיין כולו שמחה א גאנצע טאג, א מענטש דארף האבן א פחד, עס שטייט אין ספרים הקדושים, אז מען טאר נישט אריינפאלן אין מרה שחורה, אבער א מענטש דארף זיך לאזן אראפקומען, אבער נישט עצבות, א מענטש דארף האבן א באלאנס.

יצחק אבינו האט מתפלל געווען, ער האט געהאט אן התעוררות, נאר וואס דען, ער האט זיך מתגבר געווען און זיך משמח געווען. בעצם דער הייליגער רוזשינער זי"ע זאגט עס די וואך 'ואלה תולדות יצחק בן אברהם', זאגט ער, צוצוקומען צו 'צחוק', צו שמחה, דארף מען זיין 'בן אברהם', און עס דארף אויך זיין א יעקב און עשו האמורים בפרשה, אז עס זאל זיין א שמחה של מצוה.

## די עבודה פון מרירות האבן מיר ממילא מען דארף נאר ארבעטן אויף שמחה

אונז זענען ליידער אין גלות, קיינער דארף גארנישט טון צו ווערן בעצבות, די שוועריקייטן פון גלות, עשו האט שוין גענוג מצליח געווען אונז אריינצוזען אין די חלק, אונזער עבודה דארף זיין וויאזוי זיך ארויסצוזען, די גלות רעדט פון התמרמות, עס איז א ביטערע גלות.

## מיר זענען גליקליך אז דער רבוש"ע איז אונז אלעס מסדר

א מענטש דארף אריינטראכטן ווי גליקליך ער איז, וואס הייסט? ווענסטו פרעגן דו קענסט מיינע חשבונות? וואס הייסט איך בין גליקליך? דער אחד יחיד ומיוחד קען עס, און ער האלט אז דו ביסט גליקליך.

די גליקליכקייט איז נישט, אז איך האב, די גליקליכקייט איז, אז איך האב ווער עס איז מסדר מיינע זאכן.

## מחילה האט נישט קיין תנאים

אונז האבן די וואך געזאגט, און אסאך אידן האבן געפרעגט דערויף, עס איז א כסדר'דיגע זאך בזמנינו, כמעט יעדער וועט פארשטיין די שפראך... א איד רופט מיר אן איבער א פרשה וואס איינער האט אים ליידער בא'עול'ט, און מיר זענען דאך מעורר אז מען דארף מוחל זיין און אז מען קען מוחל זיין. זאגט מיר דער איד: "איך קען אים נישט מוחל זיין! ווייסט ווי ער האט מיר ווי געטון? די צער איז נאך דא!".

מיין תירוץ פאר יעדעם איז: אונזער תורה איז נישט געמאכט מיט תנאים. עס איז דא 'גומל בענטשן' וואס האט א תנאי אז דו דארפסט געזונט ווערן, איך האב א ראיה דערויף: סלח לנו אבינו כי חטאנו, און ביי די על חטא'ס אויך, מען רעכנט אויס די על חטא'ס, און דערנאך זינגט מען 'ועל כולם אלוק סליחות' און דערנאך הייבט מען אן 'סלח לנו', מען זאגט נישט צו גארנישט, מען זאגט סלח לנו פארוואס? זיי מיר מוחל, פארוואס? 'כי חטאנו' וויבאלד איך האב געזינדיגט. די זעלבע זאך איז לגבי די מחילה בין אדם לחבירו, דו דארפסט נישט מוחל זיין וויבאלד דו האסט מער נישט קיין ווייטאג, נאר וויבאלד דער אייבערשטער הייסט מוחל זיין! דו דארפסט מוחל זיין נישט קיין חילוק צי יענער האט מכיר געווען אין דיין ווייטאג.

אונזער עשירות, אונזער דביקות אינעם אייבערשטן איז, אונז באווייזן אותות ומופתים מיט די תורה, דאס איז די התמרמרות וואס א מענטש האט און דאס איז די שמחה וואס א מענטש בויעט זיך אויף. די התמרמרות איז די שוועריקייטן וואס אונז גייען דורך, און אונז בויען אויף א שמחה.

## מיר ווייסן פון גארנישט חוץ די תורה

ס'דא א מורא'דיגע מעשה מיט דער בריסקער רב, רבי חיים בריסקער זצ"ל. אין קאטאוויץ איז געווען א גרויסע צוזאמקום פון די גדולי ישראל פון יענע מדינות, און דער חפץ חיים האט געשיקט רבי חיים בריסקער

רעדן דארט, ער זאל זיכער מאכן אז די דייטשע רבנים נעמען נישט איבער.

האט רבי חיים בריסקער דערציילט א מעשה: עס איז געווען א איד א פעדלער וואס איז ארומגעגאנגען אין די שטעט א גאנצע וואך פון שבת צו שבת, שבת איז ער אהיימגעקומען. איין טאג איז ער אריינגעגאנגען אין א סופערמארקעט, ער פרעגט די מענטש וואס שטייט דארט, וויפיל קאסט טאמאטאס? עס קאסט דריי. וויפיל קאסט אוגערקעס? עס קאסט דריי. וויפיל קאסט נעגל? עס קאסט דריי. דער פעדלער איז געגאנגען זאגן פאר די בעל הבית, אז דער בחור מאכט דיר קאליע די געשעפט. ענטפערט אים דער בעל הבית, אז דער בחור קען נאר דיווארט 'דריי' און ער האט אריינגעלייגט אין זיין אפטיילונג, אלעס וואס קאסט דריי.

האט דער בריסקער רב אויסגעפירט: איך בין א שטומער, איך קען גארנישט, איך קען נאר תורה...

דאס איז די כח פון א איד, א איד דארף וויסן איך האב נישט קיין דאגות ברוחניות ובגשמיות, איך בין מיר מבטל פאר'ן אייבערשטן און שוין.

עס איז דא די וואך א הפלא'דיגע קדושת לוי. אבימלך האט געוואלט שלעכטס טון פאר יצחק, אבער דער אייבערשטער האט עס מהפך געווען לטובה. ער האט געזאגט פאר יצחק אבינו 'אם תעשה עמנו רעה' אויב ווילסטו טון שלעכטס פאר אונז, דו וועסט נישט קענען, א ראיה האסטו 'כאשר לא נגענוך' איך האב דיך נישט געקענט אנרירן, יעדע רע ווערט טוב. אויף די מדריגה זענען געווען די אבות הקדושים אז זיי האבן געקענט מאכן אבימלך גלייבן דערין.

מען פארציילט אז אין תשי"ז איז, האט מען מכבד געווען מרן רביה"ק זי"ע פון סאטמאר מיט סנדקאות, איז ער אנגעקומען צום ברית, האט מען געלייגט די כסא של אליהו אויפ'ן טיש. האט ער געפרעגט וואס איז פשט? האט אים דער מוהל געזאגט, אז ער קען זיך נישט בייגן. האט ער געזאגט דערויף: אין אמעריקע קען מען זיך נישט בייגן... און ער האט נישט געוואלט זיין סנדק אפילו מען האט שוין מסכים געווען זיך צו בייגן.

### צו באקומען די ברכות מוז מען זיך מוטשענען

אלע מפרשים מוטשען זיך מיט די קשיא, פארוואס האט יעקב אבינו נישט געקענט באקומען די ברכות גראדערהייט? זאגט דער זרע שמשון מורא'דיגע ווערטער: צו באקומען די ברכות, קען מען נישט באקומען די ברכות בשלוה, דער הייליגער באשעפער האט דווקא צוגעפירט ער זאל נישט הנאה האבן פון די ברכות, און כדי צו באקומען די ברכות האט ער עס געדארפט באקומען בדאגה במורא ובשנאתו של עשו, פארדעם האט געדארפט זיין ביי יצחק אין שטוב אן עשו, כדי יעקב זאל נישט האבן די ברכות רואיגערהייט.

זאגט ער: 'ואלה תולדות יצחק - יעקב ועשו'. פארוואס איז געווען א יעקב און עשו? וויבאלד 'בן אברהם', דאס איז וואס אברהם אבינו האט בוחר געווען, אברהם אבינו האט בוחר געווען עס זאל נישט זיין שלוה. דאס איז אונזער גליקליכקייט. ווען דער אייבערשטער האט גערעדט צו אברהם ביים ברית בין הבתרים, האט אברהם אבינו איינגעזען אז אונזער רוחניות, אונזער שלוה איז די גלות, מען וואלט נישט געקענט האבן קיין כלל ישראל אן די שוועריקייטן.

די עשו וואס אונז האבן אין די גלות איז אונזער גליקליכקייט. אזוי דארף מען אנקוקן יעדע זאך, דאס איז די תכלית, פונקט ווי מען לאזט זיך שטעכן פאר די אפעראציע, אבער מען ווייסט אז דאס איז די תכלית.

הרה"ק רבי ישראל אברהם פון סקולען זצ"ל האט געזאגט: ווער ס'האט געלט קויפט איין דירה, ווער ס'האט נישט קויפט צוויי, וויבאלד נישט האבן קען מען צוויי אויך... פשט דערפון איז, אז מען הענגט אן דער און יענעם אין אונזער אומבאקוועמליכקייטן, דאס איז אבער נישט די תורה, וויבאלד די שוועריקייטן האט דער אייבערשטער געמאכט פאר אונזער תכלית.

ביי א איד איז נישט קיין חילוק אז די הויז קאסט הונדערט טויזנט דאלער אדער א מיליאן דאלער, וויבאלד ממה נפשך, די הויז גייט סייווי אנקומען צו דיר אויב עס איז באשערט, אויב נישט נישט, אלע דיני ממונות דארף מען וויסן צו טון די רצון.

## נאר בזמן שמחה קען מען בעטן אויף רוח הקודש

מען האט אמאל געפרעגט מרן רביה"ק זי"ע מסאטמאר, די נוסח וואס מען זאגט יום טוב ווען מען עפנט אויף די ארון קודש, מען בעט אויף רוח הקודש, וזכינו כדי שתשרה עלינו והופיע עלינו רוח חכמה ותבונה, און אין די הייליגע טעג לאזט מען אויס די נוסח, וואס איז פשט?

האט ער געענטפערט: יא, רוח הקודש קומט נאר מתוך שמחה, אזויווי די גמרא זאגט אין רוח הקודש שורה אלא מתוך שמחה, יום טוב איז די פלאץ וואו מען איז בשמחה, קומט צו בעטן אויף רוח הקודש. די הייליגע טעג איז א זמן פון התמרמרות, דארפסט אביסל אראפקומען, דארפסט תשובה טון, עס איז נישט די זמן פון רוח הקודש.

## א איד טוט אלעס אין די ריכטיגע צייט

אונז קענען ווייזן, אז מען קען שמחת תורה טאנצן ביז אין די נאכט אריין, אבער אסרו חג זעט מען נישט אויס אנדערש ווי א גאנץ יאר, קוים אפאר שעה צוריק האסטו נאך געטאנצן, אבער יעצט איז שוין נישט די צייט, טוט מען עס נישט.

## א מענטש איז גרעסער ווי א מלאך

הרה"ק רבי איציקל פון ווארקא זצ"ל זאגט: עס איז דא עטליכע פשטים פארוואס יצחק איז געווען בלינד אויף די עלטערע יארן, איינע פון די פשטים איז, וויבאלד די טרערן

פון די מלאכים, וואס האבן געוויינט ביי די עקידה, האבן אים בלינד געמאכט. פרעגט רבי איציקל ווארקער: פארוואס האבן די מלאכים געוויינט ווען אברהם אבינו איז זיך אזוי מוסר נפש פאר'ן אייבערשטן? ווי איז שייך צו וויינען? זאגט ער: זיי האבן געוויינט אז א בשר ודם איז אנגעקומען העכער א מלאך, א בשר ודם, געמאכט פון פלייש און בלוט, קען צוקומען צו א מדריגה וואס מלאכים ושרפים קענען נישט צוקומען, דאס איז די חיזוק און שטארקקייט פון א איד אונז האבן כוחות וואס מלאכים ושרפים האבן נישט.

די ווערטער 'איך האב נישט קיין כח' 'עס גייט נישט' איז גלות ווערטער, אבער לאך דיר אויס דערפון, 'איך קען יא' 'איך קען נישט', זיי נישט פארנימען דערמיט! 'איך בין א איד און איך שטארק מיר!'.

### זיך געלערנט פונעם יצר הרע נישט אויפצוגיבן

עס איז געווען א ראש ישיבה וואס האט געדארפט גיין זיבן שטאק אנצוקומען צו אן עושר, און יענער האט אים געגעבן א שיינע נתינה, ער האט הנאה געהאט און אוועקגעגאנגען. דערנאך איז ער געגאנגען נאכאמאל פאר די קומענדיגע פינף יאר, און ער האט אים מער נישט געגעבן. די זעקסטע יאר פרעגט אים דער גביר: וואס קומסטו נאכאמאל און נאכאמאל צו מיר, דו זעסט דאך איך גיב דיר נישט?

האט ער אים געענטפערט: דער יצר הרע פרעגט מיר אויך די קשיא, איך האב אים געענטפערט, דו קומסט שוין אויך זעקס יאר אין א צי, מיר מוטשען איך זאל נישט ארויפגיין!... די גביר האט אים צום סוף געגעבן.

דאס איז די כח פון א איד. דער ראש הישיבה האט דא מסביר געווען, ער האט גענומען פון דעם יצר די מהלך, ער האט פארשטאנען, דער יצר הרע האט אים שיין מסביר געווען, איך לערן דיר אויס וויאזוי מען דינט דעם אייבערשטן, דאס איז די כוחות וואס א איד האט.

עס שטייט אין די משנה: שמעון הצדיק איז געווען פון די שיירי כנסת הגדולה, הוא היה אומר, אז אויף דריי זאכן שטייט די וועלט, תורה עבודה וגמילת חסדים. הוא היה אומר, דאס איז זיין מאמר, פונקט ווי מען ווייסט היינט, דאס איז חב"ד, דאס איז ברסלב, האט מען דעמאלס געוואוסט שמעון הצדיק'ס דרשות באשטייט פון תורה עבודה וגמילת חסדים...

מען זעט ווען שמעון הצדיק האט זיך געדארפט שטעלן קעגן אלכסנדר מוקדון, ער איז אויך דעמאלס געגאנגען אן כלי-זיין, אן גארנישט, ער איז געגאנגען נאר מיט תורה עבודה וגמילת חסדים.

די גמרא דערציילט אונז, פערציג יאר איז ער געווען כהן גדול, פערציג יאר האט געברענט די נר המערבי, פערציג יאר האט געברענט די אש המערכה, פערציג יאר איז

ארויסגעקומען די גורל לה', פערציג יאר איז ארויסגעקומען די רויטע פאדעם ווייס, פערציג יאר איז געווען די ברכה אין שתי הלחם און אין לחם הפנים, און די משנה שטעלט אוועק שמעון הצדיק אויף דריי זאכן, תורה עבודה און גמילת חסדים.

ביי קריעת ים סוף האבן מרים מיט די פרויען געזינגען שירה אויף די פסוק שירה לה' כי גאה גאה סוס ורוכבו רמה בים. פארוואס האבן זיי אויסגעוועלט די פסוק? וויבאלד מרים האט ארויסגעברענגט, די תכלית פון יציאת מצרים איז געווען קבלת התורה. נו, רוב תורה זענען דאך פרויען פטור, אויב אזוי מיט וואס זאלן זיך די פרויען אזוי פרייען? האט מרים ארויסגעברענגט די פסוק, אז די רוכב האט מען אריינגעווארפן אין ים ער איז געווען א מצרי א רשע, אבער די מסייע פון אים, די סוס האט מען פונקט אזוי אריינגעווארפן אין ים, ער איז געווען די זעלבע. די זעלבע זאך ביי די תורה, די פרויען וואס העלפן די מענער מיט תורה, זענען די זעלבע חשוב.

דאס איז די תכלית פון א איד א איד דארף אלעמאל זען זיין גוטס, זיין חשיבות, זיין עישור.

## א איד טראגט אן אחריות אז די גאנצע וועלט זאל זיין בשמחה

עס שטייט אין מדרש: נח האט פארפאסט צו גיבן די עסן פאר די לייב, האט ער באקומען א בייס. פרעגט מרן רביה"ק זי"ע מסאטמאר: איינמאל פון אזויפיל טעג ער פארגעסט צו גיבן די עסן קומט אים אן עונש? ענטפערט דער רבי: נח האט געדארפט טראגן אן אחריות פון די וועלט, פון די לייבן פאר אלע דורות, און טאמער ער גיבט נישט קיין עסן, וועט נישט זיין קיין לייבן אין אלע דורות. יעדע איד טראגט נישט קיין פרטיות'דיגע אחריות, נאר אן אחריות פון גאנץ כלל ישראל. א יעדע איד וואס איז בשמחה איז משפיע אויף כלל ישראל.

## פאר א צווייטן בעט מען קודם אויפן גוף

הרה"ק רבי יהודה גרינוואלד זצ"ל פון סאטמאר האט אמאל געזאגט: שבת ביים דאווענען זאגט מען 'ירפא לכל גופם ויסלח לכל עונותיהם' קודם זאל מען אויסהיילן און דערנאך 'ויסלח לכל עונותיהם', און אין די גמרא מגילה שטייט פארקערט, פארוואס שטייט דא אזוי און דא אזוי? האט ער געענטפערט: עס ווענדט זיך פאר וועם מען דאווענט, אז מען דאווענט פאר יענעם, זאגט מען קודם אז מען זאל אויסהיילן די גאנצע גוף.

הגה"צ רבי יחזקאל דייטש שליט"א אב"ד מקור חיים פון מאנסי, האט פארציילט א הפלא'דיגע מעשה בשם מרן רביה"ק זי"ע מסאטמאר. אין סיגוט האט געוואוינט א פשוט'ער מענטש וואס האט געהאט יארצייט פרשת נח, און דער בעל קורא האט געענדיגט ביי זיין קריאה מיטן פסוק 'ושם אחיו יקטם', און ער האט געהאט גרויסע בזיונות. האט ער גערופן דעם בעל קורא צום קדושת יום טוב,

האט דער קדושת יום טוב גע'פסק'נט אז מען זאל ארויסנעמען די ווארט פון די תורה...

איז דער איד געגאנגען צום סופר זאגן, אז דער רב האט גע'פסק'נט, אז מען דארף עס ארויסנעמען פון די ספר תורה. די סופר האט פארשטייט זיך נישט געוואלט, וויבאלד די גאנצע ספר תורה גייט פסול ווערן, איז דער איד געגאנגען זאגן פארן קדושת יום טוב אז דער סופר טענה'ט אז די גאנצע ספר תורה גייט פסול ווערן, וויבאלד מען נעמט ארויס די איין ווארט.

האט דער קדושת יום טוב געזאגט: נו דעמאלס איז דאך עס יא א חשוב'ער ווארט, וואס ביסטו געווארן באליידיגט?!...

## א מצב פון הסתרה ווייזט אונזער חשיבות

דער חת"ם סופר פלעגט פארלערנען יעדע וואך חומש רש"י מיט רמב"ן, איין יאר פרשת בשלח ווען מען האט געלערנט 'ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בנבואה' איז זיין זון רבי שמעון סופר געזעסן דארט, נאך זייענדיג א יונג קינד, זיין טאטע האט אים אנגעכאפט און געפרעגט: וואו קען זיין, אז א שפחה האט געזען מער ווי נביאים? האט רבי שמעון געענטפערט: טאטע איך זעה עס ביי דיר אויך, ווען דו שיקסט א בריוו פאר איינעם מיט א גוי, מאכסטו נישט צו די ענוועלאפ, זאל ער זען, וואס גייט ער פארשטיין? אבער ווען דו שיקסט עס מיט א בחור, דעמאלס מאכסטו צו די ענוועלאפ, ווייל ער גייט פארשטיין.

די זעלבע זאך, דער רבונו של עולם האט נישט מורא געהאט אז א שפחה בים זאל זען וואס א נביא האט נישט געזען, וואס גייט זי פארשטיין...

ווען א מענטש זעט אז ער איז אין א מצב פון הסתרה, זאל ער וויסן, אז ער איז נישט א שפחה בים, א שפחה קען זען זי גייט נישט פארשטיין, אבער ער קען נישט זען, ער גייט פארשטיין.

עס איז געווען נאכ'ן קריג אין ארץ ישראל א איד מיט'ן נאמען רבי נחום יאסער, א דורכגעווייקטע טשארטקאבער חסיד, ער איז נאך געווען א רב אינדערהיים, ווען מען האט אים געוואלט אויפנעמען אלס רב האט ער געזאגט פאר די טשארטקאבער אז ער האט מורא צו ווערן א רב פאר צוויי טעמים, איינס אז ער וועט נישט קענען פסק'נען גוט, צוויי אז ער וועט נישט קענען קומען גענוג צום רבי'ן.... ער איז געווען אן עכטע חסיד'ישער איד.

## יעדע פאסירונג איז א בת קול פון הימל

עס איז דא א הפלא'דיגע מעשה מיט רבי נחום יאסער, איין טאג קומט ער אריין אין בית המדרש זאגן, אז ער האט געהערט א בת קול "נחום גיי זוך דיין שוך".... נאכדעם האט ער געהערט א בת קול "נחום דארפסט שוין נישט זוכן דיינע שוך"... האט ער פארציילט פשט, אז ער איז היינט אויפגעשטאנען אינדערפרי, און עס האט אים געפעלט זיין שוך, ער האט זיך געוואלט אויפרעגן אז איינער האט אים אוועקגענומען זיין שוך,

אבער שפעטער האט ער זיך געכאפט אז יענער איז נאר א שליח פונעם אייבערשטן צו צוכאפן זיינע שוך, איז דאס געווען א בת קול אז ער זאל זוכן זיינע שוך... אבער שפעטער האט ער עס געטראפן, איז דאס געווען א בת קול אז ער דארף שוין נישט זוכן זיינע שוך...

ער האט ארויסגעברענגט א מורא'דיגע נקודה: א איד דארף הערן א בת קול א גאנצע טאג, א גאנצע טאג דארף א איד וויסן, איז צווישן מיר און דעם אייבערשטן.

### אויב מען קען זיך אנשטרענגן פאר גשמיות דארף מען קענען אויך פאר רוחניות

נאך א מעשה מיט רבי נחום... עס איז איינמאל געווען א גרויסע שניי, רבי נחום, אן עלטערע איד, האט זיך געשלעפט אין די שניי, ער איז ארויפגעגאנגען צו דעם דיין רבי פישל בערנשטיין זיך אפרוען, רבי פישל האט אים מוסר געזאגט, פארוואס גייסטו אן מיט דיין סדר היום, עס גייט עפעס געשען א לאך אין הימל אז דו גייסט נישט איין טאג צום כותל? רבי פישל ענדיגט זיין מוסר דרשה, און רבי נחום ענטפערט אים רואיגערהייט: ווען איינער גיבט מיר א שיינע סכום צו מתפלל זיין פאר א חולה היינט ביים כותל, וואלט איך אויף עפעס א וועג אנגעקומען צום כותל, אז איך גיי צום כותל הערן קדיש קדושה און ברכו איז עס אסאך מער ווערד...

ער האט ארויסגעברענגט די מהלך המחשבה פון א מענטש, ער זאגט אסאך שנעלער ניין פאר רוחניות, אויפשטיין פארטאגס - א מענטש טראכט, איך גיי נישט קענען פונקציאנירן אויב איך שטיי אויף פארטאגס... אבער עס איז דא זמנים וואס מען קען יא...

עשו איז געבוירן צוזאמען מיט יעקב, די שותפות גייט אנגיין ביז משיח גייט קומען, אויב מוטשעט מען זיך מיט רוחניות, וועט מען זיך נישט מוטשען מיט גשמיות, וואס האט רבי נחום יאסער געטון? ער האט גענומען די שווועריקייטן, די עשו, די געלט, און זיך אויפגעבויט דערמיט.

### יעדע מצב האט זיך זיין רצון השם

איינמאל ווען רבי נחום יאסער האט שוין נישט געקענט גיין אין בית המדרש האט אים זיין ידיד געוואונטשן, זאלסט קענען גיין אין בית המדרש, הערן קדיש און ברכו, קענען גיבן שיעורים. רבי נחום האט נישט געוואלט אננעמען די ברכה, וויבאלד ער גייט אין בית המדרש צו דינען דעם אייבערשטן, יעצט דינט ער דעם אייבערשטן אז ער קען נישט גיין אין בית המדרש, וויבאלד דער אייבערשטער האט געוואלט ער זאל נישט יעצט גיין אין בית המדרש, ער האט אים געבעטן ער זאל אים וואונטשן א רפואה שלימה.

א מענטש דארף גלייבן אין די כוחות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר יעדע איד לויט זיינע מדריגות פאר'ן אייבערשטן. וויאזוי ווייס איך אז נאר לויט די מדריגות וואס דער אייבערשטער האט געגעבן? וויבאלד טאמער טוסטו עס מיט

התמרמרות איז עס נישט ווערד, אבער דארפסט וויסן צי דו קענסט זיך אנשטרענגן.

## אז מען שפירט א טעם אין לערנען ווייסט מען אז דער אייבערשטער האט ליב דיין תורה

איך בין געווען ביי א בר מצוה, איך פרעג דעם בחור האסט ליב צו לערנען? זאגט ער יא, פרעג איך אים, וויאזוי ווייסטו אז דער אייבערשטער האט ליב דיין תורה? ווען דו שפירסט א טעם, דו שפירסט געשמאק אז דו האסט געלערנט, האט דיר דער אייבערשטער געענטפערט, איך האב ליב דיין תורה, איך האב ליב ווען דו שטרענגסט זיך אן פאר מיר.

ביי 'אתה חונן לאדם דעת' דארף א מענטש בעטן אז דער אייבערשטער זאל אים חונן דעת זיין, ער זאל אנערקענען זיין כוחות, מען זאל אלעס טון באופן התורה, איך זאל שפירן אן עבודת ה' אין אלעס וואס איך טו. איך גיי אריין אין געשעפט קויפן א הוט, דארפסטו טראכטן אז דו קויפסט א הוט צו דינען דעם אייבערשטן, אוודאי דו קענסט נישט וויסן וואספארא הוט דער אייבערשטער וויל, איין זאך איז אבער זיכער: א הוט וואס איז נישט קיין יצר הרע. דער אייבערשטער זאל העלפן, אונז זאלן זיך טאקע קענען שטארקן און לעבן בשמחה און לעבן נאנט צום אייבערשטן, ואתם הדבקים בה' אלוקיכם, מען זאל זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימנו אמן.

**נערך ע"י: יואל ווייס 845-502-1990**




לקבל הגליון ושאר גליונות מהמערכת יפנו:
gilyonospm@gmail.com